בעזהשי"ת

# מיליאָנען דאָלאַרען ווערן באַרויבט פון בלוטיגע אָרימע לייט ערב יום הקדוש און יעדער שווייגט!!!

# גע׳גנב׳טע כפרות ערב יום הקדוש

---

## בית דין צדק דקהל האַלמין

## וויכטיגע מודעה

## די געבלאָפטע כפרות

מיר ווילען אויפמערקזאם מאכען דעם ברייטען ציבור, נאך די גרויסע אָנשטרענגונגען וואס עס ווערט געמאַכט צו גיין שלאָגען כפרות, און די נשים צדקניות שלעפען זיך מיט קליינע קינדער צום בוטשער סטאָר צו שלאָגען כפרות, און אויך נאָכדעם וואס פאר די כפרות ווערט גענומען א טייערע פרייז. גיבן די בוטשער לייט און אויך פון די גאָר היימישע און חסיד״ישע בוטשערס, די זעלבע כפרות פאר פילע מענטשען וועלכע אלע שלאגען אויף די זעלבע עופות וואס אנדערע האבען שוין געשלאָגען, ("אויסגעקלאַפטע הושענות").

דעריבער זענען מיר מוהה אויף די אומדערהערטע שרעקליכע עוולה פון גונב זיין דעם דעת הקהל, און באַשווינדלען דעם ברייטען עולם, און דאָס אינמיטן פון די הייליגע ימי תשובה. (און מיר ווענדן זיך צו דעם ברייטן קהל, אויב איר ווילט האָבן א אמת׳ע כפרה מאכט זיכער ווי אויך אַגאַנץ יאר אז די שחיטה פון דעם בוטשער בא וועמען איר קויפט אז איר באקומט דאָס פאַרוואס איר באַצאָלט און איר ווערט נישט באשווינדעלט).

אויך קומט צו דער איסור "צער בעלי חיים" מן התורה, גאנצע טראקס ווערן געברענגט אונטער היץ אדער קעלט.

*טויזענטער שטארבן אונטערוועגנס.

דער ח"א פסק׳ט אויב קומט דאס כפרה שלאגען מיט איסורים זאל מען שלאגען מיט געלט.

*מען האלט זיי עטליכע טעג מיט קוים עפעס עסען אדער טרינקען.

וזה לשון ספר "חיי אדם" (בהלכות יום הכפורים כלל קמ"ד, סעיף ד'):

כבר נתפשט המנהג לעשות כפרות בעיוה"כ דהיינו שלוקחין תרנגול זכר לזכר ותרנגולת נקבה לנקבה, וכו׳ ואמנם אף שכמה גאונים כתבו מנהג זה, מ"מ מה שנשרש בלב ההמון שכל כפרת יוה"כ תולה בזה וכמעט שכפרות ואכילת מצה נחשב להם למצוה אחת, וסוברים שאין להם כפרה ביוה"כ אם לא בתרנגול, **ועל ידי זה באים לידי איסור נבילה חס ושלום, שדוחקים זה את זה בקהלות גדולות והשוחטים ניעורים כל הלילה בפנים זעופים, ואינם מרגישים בסכין ואי לדידי צייתי ואינם רוצים לבטל מנהג זה** [ובתוספות חיים אות י׳ וז"ל: וה"ה דיוכל ליקח שאר בעלי חיים כמו דגים. לבוש מג"א, וש"פ. וכן נהגו עכשיו בכמה מקומות וזה טוב יותר, ויכוין כשמסבב אל ראשו הכוונה כי להדגים אין להם גבינים ועיניהם פקוחות תמיד כדי שיתעורר עי"ז עינא פקוחא דלעילא לרחם עלינו], **טוב היה להם לסבב על ראשיהם במעות כמו שכבר נשרש בלב עמי הארץ שאם אי אפשר להם להשיג תרנגול אזי מסבבים במעות שבאמת כן מצינו במנהג** [ובתוספות חיים אות י"א וז"ל: וכ"כ בסי׳ יעב"ץ דאם לא מצא בעל חי יקח עציץ עם זרע או נטע ומחזירו סביב ראשו כי אדם עץ השדה משתתף עמו בנפש הצומחת] **קדמונים שהיו מסבבים בזרעים** (כמש"כ המ"א בשם רש"י בשבת פ"א) **יתחשב להם לצדקה, ושלא יהיו נכשלים באיסור נבילה חס ושלום, ומכ"ש לפי מנהג הנכון ליתן הכפרות לעניים או לפדותן** [ובתוספות חיים אות י"ב וז"ל: וזהו טוב יותר מליתן הכפרה לעני שהעני יאמר זה השליך עונותיו עליו ושלחו אלי. א"ר ופמ"ג] **וליתן המעות לעניים.** ומי שיכול ורוצה מן המובחר אזי יקרא להשוחט לביתו באשמורת הבוקר ויהיה תיכף לסמיכה שחיטה, אבל לא יחשוב שזהו כפרתו, אלא יחשוב שכל מה שעושין לעוף הזה הכל היה ראוי לבא עליו (כענין הכוונה בקרבנות) והקב"ה ברחמיו עבור התשובה שעשה הופך הגזירה ונתקיים דוגמתו בעוף הזה (כענין שכתב הרמב"ן ריש פרשת לך לך בענין הליכת אברהם) גם יזהרו שלא ידקדקו אחר כפרות לבנים וכבר נתפשט בין הנשים שאין לוקחין אחרים רק דוקא לבנים ומהדרין אחריהם ונותנים ביוקר והא מדרכי האמורי וחק לע"ז לכן יזהרו בזה, אלא שאם ממילא יבא לידו לקנות במקח שאר תרנגולים יקנה אותו ולא יאמר כלום, והמנהג לזרוק בני מעיהם לפי שנזונים מן הגזל, ובני המעיים הם הכלים הראשונים שמקבלים הגזל, לכן מרחיקים עצמן מלאכלם כדי ליתן אל לבו להרחיק מגזל, עכ"ל.

ועוד יש מכשול עצום של צער בעלי חיים, "שאסור מן התורה לצער כל בעל חי" (ועיין קיצור שו"ע סימן קצ"א), דהיינו היות שעופות הם חלשים מאוד, שבאים ממהלך רחוק של 24 שעה בחום הרבה, בלי אכילה ושתיה, וכמעט ומתים רח"ל, וכל אחד לוקח העוף בידו וזורקו, וכו׳ וכך עושים לעוף אחד אולי מאה ויותר פעמים ביום אחד, ואין לך צער בעלי חיים יותר גדול מזה.

**ועל כן יצא פסק מאתנו כדלהלן:**

**א.** שכל אחד יעשה הכפרות במעות, דהיינו: שיקח $4 ויעשה כפרה לכל אחד ואחד.

**ב.** או שאם רוצה בדווקא ללכת לבוטשער סטאר כמו שהלך עד היום, שיקח רק עוף אחד בשביל כל הבנים, ועוף אחר לכל הבנות, ועל פי הלכה זה די.

בברכת גמר חתימה טובה.

וע"ז באעה"ח ג׳ תשרי שנת תש"נ לפ"ק

## בית דין צדק דקהל האלמין

# מיליאָנען דאָלאַרען ווערן באַרויבט פון בלוטיגע אָרימע לייט ערב יום הקדוש און יעדער בולעטין שווייגט!!!

חודש תשרי שנת תש״נ לפ״ק

פדיון כפרות

## דאָס ענין פון כפרות

״יחל ישראל אל ה׳ כי עם ה׳ החסד והרבה עמו פדות״. ״והוא יפדה את ישראל מכל עוונותיו״

**טייערער אידן!** עס זאָל חס ושלום נישט עולה זיין על המחשבה דאָס כפרות זענען קרבנות, ווייל זייט דער בית המקדש איז חרב געוואָרן און אידען זענען אין גלות האָבען זיי מער נישט קיין קרבנות, עס איז אונז נישט מער איבערגעבליבען צו מכפר זיין אונזערע עוונות נאָר תשובה תפלה און צדקה. און ערב יום כפור דעם הייליגען טאג פון מחילה סליחה און כפרה.

בשעת אַ איד שלאָגט כפרות דאַרף מען קיין אַנדערע מחשבה נישט האָבען נאָר זיך מתודה זיין פאַר השי״ת אויף אונזערע זינד, און בעטען השי״ת ער זאָל איהם מוחל זיין בזכות די צדקה וואָס מען טוט מיט די עניים. די ״כפרה״ אליין איז מער נישט ווי א סימן דאָס בזמן בית המקדש האָבען זיך תפלה און צדקה צוזאַמען פאַראייניקט אין די קרבנות, און צוליב דעם דערמאָנט מען זיך אין חורבן בית המקדש און אין ירושלים עיר הקודש. און אַז מען איז זיך אַ ביסעל מתבונן און די אויבענדערמאַנטע ענינים קומט מען צו תשובה.

אויך דאַרף מען טראַכטען אַז אַלעס וואָס מען טוט פאַר דעם עוף וואָלט מען באמת געדאַרפט טוען פאַרן מענטש אליין, נאָר השי״ת ברוב רחמיו וחסדיו דורך די תשובה וואָס דער מענטש טוט, דרייט איבער השי״ת די גזירה פון דעם מענטש און מען טוט דאס צו דעם עוף.

און יעצט רבותי!!! ווענט איר פארשטיין אין די דאָזיגע ערנסטע מאמענטען וואס דער מענטש דאַרף אריבער פירען די ביטערע גזירות צום עוף, קומען די בוטשערס (מיט׳ן הכשר פון די רבנים), און פירען דעם גאַנצען יהדות החרדית ביי די נאָז, און שאַ שטיל, און גאָרנישט!!!

## ועתה יראה הקהל וישפוט!!!

# געבלאָפטע כפרות — ערב יום כפור

אין שו״ע (סימן תר״ה) זאָגט דער רמ״א ״ונהגו ליתן הכפרות לעניים או לפדותן בממון שנותנין לעניים.

עס איז איינגעפירט געוואָרן, לפני כמה שנים, ביי אונזער עיר ואם בישראל, אַז מען שענקט אַוועק די כפרות פאַר פאַרשידענע צדקה צוועקען ומוסדות החסד — דורך דעם וואס דער קונה באַצאָלט פארן עוף און פטור אן עסק, ער גייט זיך א היים צופרידען אז ער האט יוצא געווען זיינס און אז דער בוטשער וועט שוין טוען דאס איבריגע.

עס זענען ליידער דאָ פאַרשידענע אומאַנגענעמליכע ענינים וואָס קומען פאָר אויך ביי די כפרות וואס מען שלאָגט ביי עשרת ימי תשובה. אָבער וואס עס קומט פאָר ערב יו״כ איז ממש אומדערטרעגליך:

עס זענען פאַרהאַנען געוויסע בוטשערס וואס זענען מודיע פאר עטליכע צדקה מוסדות אז זיי קענען נעמען כפרות און זיך אליין אָן עצה געבען מיטן פליקען און כשר מאַכען ווייל ״מיר האבען נישט קיין צייט זיך צו באַדערן דערמיט״. **(כידוע איז דער חיוב אויפ׳ן בוטשער דאס צו טוהן און פאַר דעם באַצאָלען מיר דעם פרייז).**

אויב עס איז נישט דאָ קיין מוסד וואָס קען זיך פראַווען דערמיט גייט דאָס ליידער גראָד אין מיסט רח״ל. יאָ! דאָס איז אַ פאַקט, ליידער. און עס פעלט נישט אויס דאָ פורט בשמם צו זיין. מיר האָבען נאָר איין קשיא, אויף דעם באַצאָלען מיר $7 אָדער מער? אַז אונזערע כפרות זאָללען אָנקומען אין מיסט און מיר זאָללען אַפילו נישט יוצא זיין מצות כפרות?, איז דאָס יושר׳דיג אַזוי צו טוען מיט אונז איין טאָג פאַר׳ן יוה״כ?.

מיר דאַרפען אַלע זיך נאָכפרעגען און פאָרשטען ביים בוטשער צו ער מאַכט דאָס כשר און ווי עס קומט אָן פינקטליך — בשבע חקירות אפילו ווי אַ גרויסער ערליכער איד דער בוטשער איז.

אין זכות פון מקיים זיין די מצוה כתיקונה, זאָללען מיר געהאָלפען ווערען מיט אַ גמר חתימה טובה און אַ שנת גאולה וישועה במהרה.

וע״ז באעה״ח ד׳ תשרי שנת תש״נ לפ״ק

**הק׳ שלום יהודה גראָס**

רב דקהלת האָלמין

ואבדק״ק בבארא פארק